# תורת יואל

גליון מס' 42

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת בלק תשפ"ה


## וירא בלק בן ציפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי. ויגר מואב מפני העם מאד כי רב הוא,

פרעגן די מפרשים, פארוואס שטייט **וירא** א לשון פון זעהן, בלק איז דאך נישט געווען ביי די מלחמה פון אמורי, ער האט נאר געהערט פון די מלחמה, וואלט געדארפט שטיין **וישמע בלק**.

דער **בעל הטורים** איז מפרש אז בלק האט געזעהן ווי די זון האט זיך אפגעשטעלט, ווי ס'שטייט אין די גמרא (תענית כ, א) אז די זון האט זיך אפגשטעלט פאר משה רבינו ביי מלחמת האמורי, וועגן דעם שטייט וירא, דער רבי איז נישט צופרידן פון דעם תירץ, ווייל עס שטייט ווייטער אין פסוק **את כל אשר עשה ישראל לאמורי**, כל מיינט אלעס, נישט נאר איין נס פון די מלחמה ווי אפשטעלן די זון.

פארענטפערט די רבי מיט די באקאנטע גמרא אין **מסכת ע"ז** (ד, ב) אויפן פסוק **ויודע דעת עליון**, בלעם האט געקענט מכוון זיין די מינוט וואס השי"ת צערנט, דעמאלס האט בלעם געשאלטן, און דאס איז געווען זיין כח, און **תוספות** אויפן פלאץ מסביר: אז ווען די זון שיינט-אויף אינדערפרי שטייען-אויף די קעניגן פון מזרח און מערב, (מלכי אומות העולם) און זיי טוען אויס זייערע קרוינען, און ביק'ן זיך צו די זון, דאס ברענגט א צארן ביים אייבערשטן, אויך זאגט די גמרא אין **מס' ברכות** אז די צייט וואס די מלכים שטייען אויף, איז די ערשטע דריי שעה אין טאג, קומט אויס אז די ערשטע דריי שעה אין טאג איז דער צייט וואס השי"ת צערנט, און דאס האט בלעם הרשע געקענט מכוון זיין.

דאס איז אלעס נאר אויב די זון שיינט אויף - און גייט אונטער, אויף איר טעגליכע סדר, משא"כ אויב די זון שטעלט זיך אפ, ווערט די סדר פארדרייט, און די זון שיינט נישט אויף אין איר טעגליכע צייט, ווייסן דאך נישט די קעניגן ווען זיך צו ביק'ן, ממילא צערנט נישט השי"ת דיזע טעג.

בלק האט געוואוסט אז בלעם קען מכוון זיין די פונקטליכע רגע צו קענען שעלטן - פונקט ווען השי"ת צערנט, אבער ווען בלק האט געזעהן אז משה רבינו האט אפגעשטעלט די זון, איז זיין גאנצע פלאן צופאלן, ווייל אויב וועט השי"ת נישט צערענען די טעג, וועט בלעם'ס קללות גארנישט ווערד זיין.

וועגן דעם שטייט **וירא בלק:** ער האט געזעהן ווי די זון ווער אפגעשטעלט, ווי דער בעל הטורים איז מפרש, במילא **ויגר מואב מפני העם:** האט ער אנגעהויבן מורא האבן פון די אידן.

דער רבי פיהרט אויס, אז בלק'ס פלענער וואלטן זיך סיי ווי נישט אויסגעארבעט, ווייל דער הייליגער גוטער באשעפער האט יענע טעג גארנישט געצערנט, **ברוב רחמיו וחסדיו**.

מנהג | טעמו | ומקורו

### קושן די ציצית בשעת קרי"ש - המשך (ג)

אין מדרש תלפיות שטייט אז מ'קושט אויך ביי **לעד קיימת** (אונזער מנהג איז צו קושן ביי נאמנים ונחמדים לעד) דער ווארט לעד איז בגימט' 104 און די חיטים - פעדעמער פון די ציצית איז אויך 104. 4 מאל 8 פעדימער איז 32, יעדע פאדים איז שזורים-געדאפעלט איז 64, די 5 געדאפעלטע קניפן אויף יעדע ציצית, 10 מאל 4 איז 40, אלעס אינאיינעם איז 104.

**מנהג רביה"ק**, בשעת קרי"ש מיט די ר"ת תפילין, האט ער בכלל נישט אנגעכאפט די ציצית.

## א בינטעל זכרונות (המשך)

**הרה"ח ר' דוד גדלי' פאגעל שליט"א (ב)**

**מוצאי שבת חוקת תשכ"ה:** פארציילט ווייטער ר' גדלי', מיר בחורים זענען כסדר נאכגעלאפן דעם רבי'ן, און פרובירט ווי מער קונה צו זיין פון דעם רבי'נ'ס תורות און תפילות, יעדע תנועה פון רביה"ק איז געווען א תורה שלימה.

די פנימיה (דארמיטארי) איז געווען העכערן ביהמ"ד, און מ'האט געקענט אריינזעהן צו ר' ליפא שווארטץ אין שטוב, ווי דער רבי איז איינגעשטאנען בשעת זיין באזוך אין ירושלים, האבן מיר געזעהן מוצ"ש ווי דער רבי געזעגנט דעם עולם כמעט ביז פארטאגס, און ווי נאר דער לעצטער איז ארויס האט דער רבי גענומען א גמרא און זיך געזעצט לערנען ווי א ישיבה-בחור, און דא האלט מען נאך א אנגעשטרענגטער שבת מיט תפילות אין די דרשה, געפיהרט טיש און שלש סעודות, מיט דעם אלעם <u>דער רבי זעצט זיך לערנען</u>.

עס דויערט נישט לאנג און די רעבעצין קומט אריין מיט מזונות פאר מלוה מלכה און בעט דער רבי זאל עפעס איבערבייסן און זיך גיין אפרוען, דער רבי איז פארטיעפט און לערנט ווייטער, נאך א שטיקל צייט און דער רעבעצין קומט נאכאמאל, און בעט "זייער הויך" אז דער רבי זאל טועם זיין, דער רבי מאכט זיך נישט וויסענדיג, הערשט קרוב צום עלות, מאכט דער רבי צו די גמרא און מאכט א ברכה (מסתמה געהערט די רעבעצינ'ס טריט קומענדיג - ר' גדלי') און דאן קומט די רעבעצין אריין צו דריטן מאל, און פאדערט פון רבי'ן ער זאל זיך גיין אפרוען, ווייל זונטיג איז דא א פולע סדר היום.

א ענליכע מעשה האט פאסירט ביי די פריעדיגע נסיעה תשי"ט, און דער רבי האט געפרעגט ווען פונקטליך איז דער עלות, כדי צו וויסן אויב מ'קען נאך טועם זיין, און דער גמזו'ער רב, (פאטער פון רבי יושע רז"ב שליט"א) איז אריבער געלאפן צו רבי משה ארי' זצ"ל, פרעגן די פונקטליכע זמן.

**זונטיג:** איז פארגעקומען א ישיבת בי"ד אין לשכת הביד"צ ווי געווענליך, דער ראב"ד דאן איז געווען **הגאון רבי פנחס עפשטיין ז"ל**, וואס האט געשטאמט פון אשכנז, אין אנגעהערט צו עדת הפרושים, און רבי פנחס פלעגט אלץ פארווארפען וועגן חסידים, רבי פנחס האט זייער געהאלטן פון רבין, אבער געווען ברוגז אויב מ'באצייכענט <u>אלס רבי</u>, זייער נישט געהאלטן פון קיין רבי'סטעווע, ער פלעגט זאגן סאטמאר רב איז פיהל <u>מער גאון ווי רבי</u>, איינמאל איז געקומען דער זשיבויער רב קיין ירושלים, און געזאגט פאר רבי פנחס <u>א גריס פון רבי'ן</u>, רבי פנחס האט זיך געבייזערט, וואס רבי? ער איז דאך א גאון עולם וואס זאגט איר רבי.

אויך איז געווען דאן חבר הבד"ץ **הרה"ג רבי ישראל יצחק רייזמאן ז"ל**, וואס איז יא געווען א חסיד מבטן ומלידה, און יענעם זונטיג האט רבי פנחס געפרעגט צו ר' ישראל יצחק, איך הער אז סאטמאר רב <u>האט נעכטן ביי מנחה געלייענט די קריאה ביינאכט</u>? (ביי די ליטוואקן איז 20 מינוט נאך די שקיעה שוין כמעט דער צאת, ווען ביי חסידים איז נאך גרויס טאג) האט ר' ישראל יצחק געענטפערט ווען סאטמאר רב איז דאהי, איז א בחינה פון **שמחת תורה**, און שמחת תורה <u>לייענט מען די תורה ביינאכט</u>, ודפח"ח.

### הערת הקורא: הרה"ח ר' שמואל יצחק דאזינגער הי"ו

**תמוז תשכ"ה**, ווען רביה"ק האט באזוכט בני ברק ליגט מיר גוט אין זכרון, אלס א יליד בני ברק, און די מעשה מיט דעם ווענטילאטאר (פען) געדענק איך אויך גוט, דער ביהמ"ד אין בני ברק האט געהאט געהעריגע לעקטער, אבער פארן רבי'ן האט מען געברענגט א קליינע גענעראטור, געבארגט פון בענעדיקט, וואס איז געווען געווען געוונג פאר איין לעמפל אין די פען.

**אגב:** דערציילט ר' שמואל יצחק אן אנעקדאט וואס ער האט מיטגעהאלטן באגלייטענדיג דעם רבין, דער רבי האט באזוכט דעם נייעם ישיבה בנין אין שיכון, ביהמ"ד און די פארלערנען צימערן, די גאנץ אויבערשטע שטאק איז געווען די דארמיטארי, און דער רבי איז ארומגעגאנגען יעדע שטאק און אריין אין יעדע צימער, אנקומענדיג גאנץ אויבן פרעגט דער רבי וואס איז דער טיר? זאגט מען אז דאס איז די טרעפ צום דאך, דער רבי זאגט: <u>ער וויל ארויפגיין</u>, די באגלייטערס זאגן אז דארט איז באמת גארנישט דא, ס'איז נאר א דאך, דער רבי דארף זיך נישט מטריח זיין, דער רבי זאגט: <u>ער וויל יא ארויפגיין</u>, דער רבי איז ארויף אויפן דאך, זיך אומגעקוקט און געזאגט דעם לשון: **איך וויל נישט מען זאל זאגן אז דא בין איך נישט געווען**, למעשה יארן שפעטער האט מען ארויפגעצויגען נאך א שטאק לתורה ולתפילה, בזכותו של אותו זקן.

יד'יעות קאלום

מנהג

טעמו

ומקורו

**מנהג: שבת'דיגע בגדים**

**מקורו:** חז"ל (שבת קי"ג א') לערנט ארויס פון דעם פסוק **וכבדתו מעשות דרכיך:** <u>וכבדתו</u> - שלא יהא מלבושך של שבת כמלבושך של חול, שבת דארף מען אנטוהן באזונדערע קליידער, און אזוי ווערט ג'פסק'נט אין שו"ע (סי' רס"ב סעי' ג') **ישתדל שיהי' לו בגדים נאים לשבת.**

דער כל-בו איז מוסיף: **ומחליף בגדי החול ולובש בגדי שבת לכבוד שבת, <u>ושיזכור</u> שהוא יום קדוש ואסור בעשית מלאכה טייטש:** אז ס'איז א ענין צו טוישען די בגדים ערב שבת, כדי צו <u>געדענקען</u> אז היינט איז א הייליגער טאג און אסור במלאכה.